און דאַן ווידער אַרויסקומען, אָפּדרוקן אַ בליציקן עסיי אין אַ צייטונג, אין אַ זשורנאַל, אָדער, זעלטענער, אַ ליד.

ער איז געווען פול מיט ביטערן פּראָטעסט קעגן דעם לעבעדיקן אַרום און איז נישט געווען גרייט איינצוגיין אויף קיין שום פּשרות מיטן לעבן. איך געדענק בלויז איין פאַל, ווען דער שרייבער־אָרגאַניזאַציע איז געלונגען אַוועקצוזעצן שטערנען אויף עטלעכע חדשים זומער־צייט אין אַ רעדאַקציע צו מאַכן קאָרעקטור, כדי צו פאַרדינען אויף לעבנס־אויסהאַלטונג. ער האָט זיך טיף געבונטעוועט קעגן אַלע צוימען, וואָס ווערן אויף אונדז אַרויפגעצוואונגען דורכן לעבן.

זיין ליידנשאַפט איז געווען דאָס אַרומבלאָנקען איבער די גאַסן, זיך איינקוקן טיף אין די געזיכטער פון די פאַריאָגטע און פאַרפאַלגטע מענטשן, שטיין בלייבן מיט דעם בעטלער אויף דער עק גאַס, און פאַרענדיקן ביי אַ ספר אין דער „ליטווישער חברה־ש״ס״.

די נישט נאָרמאַלע לעבנס־באַדינגונגען פירן צו שטערנס שווערער קראַנקהייט און צו זיין פאַרברענגען לאַנגע חדשים אין שפּיטאָל. פון דאָרט ברענגט ער אַרויס די ליכטיק־לויטערע „שפּיטאָל־לידער״, איינע פון זיינע וויכטיקסטע שאַפונגען. עס איז אַ געוואַלדיקער פאַרדרוס, וואָס זיין צווייטע גרעסטערע פּאָעמע „ר׳ אפרים גאָלדבראָך״, איז געבליבן נישט פאַרענדיקט. דאָס איז געווען מיין זיידע און איך בין שולדיק אַן אויפקלערונג וועגן דער דאָזיקער מערקווירדיקער געשטאַלט.

אפרים גאָלדבראָך איז בחורווייז געווען אין קאָצק און ער האָט מיטגעבראַכט פון דאָרט די פאַרלייקענונג פון אַלע איינגעשטעלטע פאָרמען, מיט וועלכע ר׳ מענדעלע קאָצקער האָט געשמט. ער האָט געפירט אַ גבירישע הויז אין שטעטל, געהאַט אַן אייגענע קאָמעניצע אין מיטן מאַרק, אַ רייך געשעפט, און פרנסה איז געווען ברווח. זיין פרוי, פריידעלע, איז געווען דער גרויסער בריה, וואָס פלעגט פאָרן קיין וואַרשע איינקויפן סחורה און פלעגט גוט אַדורכקומען מיט די פּריצים און מיליטער־לייט, וואָס זיינען געווען אירע קונים. אפרים גאָלדבראָך האָט רואיק געקענט זיצן און לערנען, אָבער דאָס איז אים נישט באַקומען. אַ געפיל צו טאָן גוטס צו אַנדערע האָט דורכגענומען

זיין גאַנצן וועזן און האָט איס נישט געגעבן קיין רו. ער פלעגט נעמען פון שטוב וואָס נאָר עס איז איס געקומען אין דער האַנט און עס אָוועקטראָגן צו די, וואָס האָבן זיך אין דעם גענויטיקט.

שפּעטער פלעגט ער יעדן פאַרטאָג פון דריי אַ זייגער אָן שטיין ביי דער טיר פון בית המדרש און נעמען ביי יעדן יידן, וואָס איז געקומען דאַוונען, אַ קאָפּיקע. מען האָט איס גערן געגעבן, אָבער יידן פלעגן לאַכן אין די פויסטן: ער האָט אַ קאָמעניצע אין מיטן מאַרק און שטייט און בעטלט קאָפּיקעס! אָבער אפרים גאָלדבראָך האָט זיך גאָרנישט געמאַכט פון דעם געלעכטער. פאַר דעם געלט האָט ער איינגעקויפט יאַיכלעך פאַר אָרעמע קימפּעטאָרינס, האָט באַזאָרגט אלמנות און יתומים און האָט אַפילו אײנער אַליין איינגעאָרדנט אַ מושב זקנים, וואו ער איז אַרומגעגאַנגען אַרום די עלנטע, עלטערע מענטשן, ווי אַ טאַטע.

עס איז אפשר נישט אין גאַנצן ריכטיק, אַז מען האָט אפרים גאָלדבראָך אַרויסגעטריבן פון דער רייכער שטוב, ווי עס זאָגט זיך אין דער פּאָעמע, „ווי אַ כלב", אָבער רייסענדיק צווישן דעם זיידן מיט דער באָבען צוליב די דערמאָנטע אויסטערלישע מעשים זיינע געדענק איך דורך אַלע מיינע קינדערשע יאָרן.

ווי ווייניק שטערן האָט געטראַכט וועגן זיין שרייבערישער פּראָפעסיע זעט מען פון דעם פאַקט, וואָס פאַר די איבער צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן אין וואַרשע, אין דער סאַמע געדיכטער ליטעראַרישער קאָכעניש, איז איס קיין מאָל נישט געקומען אויפן זינען צונויפצונעמען זיינע שאַפונגען און דאָס פאַרעפנטלעכן אין אַ בוך. פון אַלע שרייבערישע מסיבות האָט ער אַממייסטן ליב געהאַט די סביבה פון הלל צייטלין. ער איז געווען אַן אָפטער אַריינגייער אין זיין הויז אויף שליסקע גאַס, וואו אומרואיקע גייסטער האָבן געזוכט אַ תיקון פאַר די פּראָבלעמען פון ישראל סבא.

ס'איז פאָרגעקומען, האָט מען גערעדט צווישן שרייבער אין וואַרשע, אין ישראל שטערנס פערזענלעכן לעבן אַ טראַגישע פּאַסירונג, וואָס האָט אַרויפגעלייגט אַ שטענדיקן שווערן חותם אויף זיין גאַנצן ווייטערדיקן גאַנג אין לעבן. די פּאַסירונג איז געבליבן איינ־

געשלאָסן, טיף־פאַרבאָרגן אין זײַן נשמה, און דאָס, האָט מען געזאָגט, האָט אין אַ געוויסער מאָס משפּיע געווען, אַז ער זאָל זוכן אַן אָרט צווישן מוסרניקעס.

די צווייטע וועלט־מלחמה ברענגט שטערנען צוזאַמען מיט מיל־יאָנען אַנדערע פּוילישע ייִדן אונטער דער גרויליקער הערשאַפט פון די נאַציס. ער ליידט הונגער און נויט, און וויפיל די געציילטע פאַר־בליבענע געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן נישט געזוכט אים צו העלפן, איז ער, לויט דער עדות פון עמנואל רינגעלבלום, עטלעכע מאָל גע־שוואָלן געוואָרן פון הונגער און קראַנקהייטן. פאַר אַ געוויסער צייט איז געלונגען אים איינצואָרדענען אין אַ שאָפּ, וואו ער האָט זיך וואונדערלעך געהאַלטן, טוענדיק אַלע שווערע אַרבעטן. אָבער אין איין טאָג האָט מען אַלע אַרבעטער פון דעם שאָפּ אוועקגעפירט אויפן אומשלאַג־פּלאַץ און פון דאָרט אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע.

ווי רינגעלבלום און אַנדערע עדי־ראיה גיבן איבער האָט שטערן פיל געשריבן אין געטאָ, אָבער די כתבים פון דעם מערקווירדיקן מענטשן און טיף־איינגאַרטיקן דיכטער זיינען אומגעקומען צוזאַמען מיט אים.

**מנחם פלאַקסער**